**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 04/07/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**סטעיטמענט פון גאווערנער קעטי האקול איבער פעדעראלע געריכט אורטייל וואס זוכט צו נאך מער באגרעניצן צוטריט צו אבארשען איבערן לאנד**

"איך בין ערשיטערט פון די פעדעראלע געריכט אורטייל וואס זוכט צו באגרעניצן צוטריט צו Mifepristone, א זיכערע און ווירקזאמע פארעם פון אבארשען מעדיצין וואס איז שוין גענוצט געווארן דורך מער פון פינף מיליאן מענטשן זינט די עסן און דראג אדמיניסטראציע ( Food and Drug Administration, FDA) האט עס באשטעטיגט מער פון צוואנציג יאר צוריק. די פרעצעדענטלאזע אורטייל טוט נישט בלויז מבטל זיין די FDA'ס באוויזן-באזירטע וויסנשאפטליכע באשטעטיגונג פראצעדור, נאר עס טוט אויך עפענען אויף אן אלארמירנדן פארנעם א נייע טיר צו די פאליטיזאציע פון מעדיצין.

איך וויל זיין זייער קלאר: אפגעזעהן פון די היינטיגע אורטייל, איז צוטריט צו אבארשען און קעיר נאכאלץ דא צו באקומען אין ניו יארק. יעדער וואס נויטיגט זיך אין קעיר וועט אויפגענומען ווערן אין אונזער סטעיט מיט אפענע ארעמס. אין צוגאב ארבעטן מיר מיט די פעדעראלע רעגירונג, מיט גאווערנערס און מיט שותפים אריבער דעם לאנד אויף לייזונגען צו פארמיידן ווייטערדיגע באגרעניצונגען צו קעיר. איך האב אויך געבעטן די לעגיסלאטור אין באטראכט צו נעמען שריט צו באשיצן אנדערע אבארשען מעדיצינען, אריינרעכענענדיג misoprostol, דורכאויס די יעצטיגע בודזשעט פארהאנדלונגען.

נאכפאלגנדיג די ארויסגערינענע סופרים געריכט באשלוס צו איבערדרייען די *Roe* אורטייל לעצטע יאר, ההאבן מיר אונטערגענומען שריט פון פאראויס צו באשיצן צוטריט צו קעיר אין קליניקס, אריינרעכענענדיג דורכן מאכן א לאנד'ס-פירנדע 35 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג צו שטיצן אבארשען פּראָווײידערס אריבער די סטעיט און דורכן אונטערשרייבן א ברייטע רייע געזעצן צו באשיצן סיי אבארשען פּראָווײידערס און סיי זייערע פאציענטן. אין צוגאב, אין מיין פארגעשלאגענע עקזעקיוטיוו בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 האב איך פארגעשלאגן פארגרעסערטע מעדיקעיד צוריקצאלונג ראטעס און צו צושטעלן 25 מיליאן דאלאר אין שטיצע פאר פּראָווײידערס, ערלויבנדיג פארמאסיסטן צו פארשרייבן געבורט קאנטראל, צו איינפירן ציפערן פריוואטקייט באשיצונגען און פארברייטערן אבארשען צוטריט אויף SUNY און CUNY קאמפוסן.

די היינטיגע אורטייל איז נאך א באווייז אז עקסטרעמיסטן וועלן זיך נישט אפשטעלן מיטן אוועקנעמען די רעכטן צו אן אבארשען. אנשטאט דעם ארבעטן זיי אקטיווערהייט, קעגן די ווילן פון די גרויסע מערהייט פון אמעריקאנער, צו איינגאנצן צעווארפן די פרויען העלט קעיר סיסטעם איבערן לאנד. איך וועל שטענדיג קעמפן – אן מורא און אומגעשטערט – צו זיכער מאכן אז ניו יארק איז א זיכערע האפן וואו אבארשען רעכטן זענען באשיצט און וואו אבארשען איז זיכער און צוגענגליך."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן